# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

בעזהשי"ת | פרשת נשא | כ"תה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**יברכך ה' וישמרך:**

עס שטייט אין מדרש: **מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים**, פון וואו האבן די אידן זוכה געווען צו ברכת כהנים? **ממתן תורה**. ווייל ביי ברכת כהנים שטייט "**כה**" תברכו און ביי מתן תורה שטייט "**כה** תאמר לבית יעקב**.

זאגט דער **עצי חיים** זי"ע דעם פשט, ווייל עס שטייט אין מדרש אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט מיט ביידע וועלטן, יעקב האט גענומען עולם הבא, און עשו האט גענומען עולם הזה. לויט דעם איז שווער ווי אזוי מעגן מיר הנאה האבן פון די וועלט עס באלאנגט דאך צו עשו?

ענטפערן די **מפרשים**, ווייל די גמרא זאגט אז השי"ת האט זיך אויסגענומען א תנאי מיט די וועלט, אויב זענען די אידן מקבל די תורה בלייבט די וועלט שטיין, אויב נישט ווערט די וועלט צוריק תוהו ובוהו, קומט אויס אז מיר אידן ראטעווען די וועלט פון חרוב ווערן, ממילא מעגן מיר הנאה האבן דערפון פונקט ווי איינער ראטעוועט יענעמס פארמעגן פון ים, וואס די הלכה איז אז עס געהערט צו אים.

דאס פרעגט דער מדרש: **מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים**, דאס איז דאך ברכות פון עולם הזה, און עס געהערט צו עשו? אויף דעם ענטפערט דער מדרש: **ממתן תורה**, וויבאלד די אידן האבן מקבל געווען די תורה האבן זיי דאך געראטעוועט די וועלט קומט פאר זיי אויך עולם הזה.

**ידיעות פון די וואך**

## שבת דרך ארץ

די וועלט רופט אן דעם שבת פאר שבועות מיטן נאמען "**שבת דרך ארץ**", דאס איז באזירט אויף די ווערטער פון חכמינו ז"ל וואס לערנען אונז "**דרך ארץ קדמה לתורה**", אז איידער מען גייט צו צום לערנען **תורה** דארף מען האבן **דרך ארץ**, דעריבער איז גאר פאסיג צו לערנען די וואך עטליכע ענינים איבער די מדה פון **דרך ארץ**.

אין די **ספרי מוסר** ווערט געברענגט עטליכע טעמים פארוואס איז דרך ארץ אזוי וויכטיג און חשוב אז חכמינו ז"ל האבן געשטעלט די מדה אלס הקדמה צו די תורה:

חכמינו ז"ל זאגן (שבת דף ק"ד ע"א ע' פירש"י ד"ה משניאי) אז ווען איינער וואס לערנט תורה פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין מיט **דרך ארץ** און גוטע מידות, דער פארשעמט דעם אייבערשטן כביכול, און די תורה הקדושה, ווייל מענטשן טייטלען מיט די פינגער און זאגן 'אט אזוי זעהט אויס איינער וואס לערנט תורה' און דאס איז גורם אז די ערליכע אידן וואס לערנען תורה ווערן דורך אים פאר'מיאוס'ט אין די אויגן פון די מענטשן, דעריבער טאר אזא איינער נישט לערנען קיין תורה.

אין ספר **מעלת המידות** שטייט אז ווער עס האט נישט קיין **דרך ארץ** דער ווערט בכלל נישט גערעכענט ווי א מענטש צווישן מענטשן, נאר ער ווערט באטראכט ווי א חיה פון מדבר, דעריבער איז ער נישט מחויב צו לערנען קיין תורה ווייל ער איז נישט אין די ראמען פון מענטשהייט.

אין שער הקדושה פון רבי **חיים וויטאל** זי"ע (ח"א שער ב') שטייט אז **דרך ארץ** איז די הכנה און דער יסוד פון אלע תרי"ג מצות, ווייל אויב האט מען נישט קיין **דרך ארץ** און איידעלע מידות, אפילו ווען ער וויל יא מקיים זיין מצות קומען אים דאס אן זייער שווער, און מ'טוט עס נישט לשם שמים, אבער אז מען האט **דרך ארץ** מיט מידות טובות דאס העלפט צו אז מען זאל קענען גרינגערהייט מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות.

אין ספר **כל הכתוב לחיים** (דף קכ"ו) ווערט דערציילט:

צום הייליגן **דברי חיים זי"ע** דער **צאנזער רב** איז געקומען צו פארן א יחסן א בנן של קדושים אויף שבועות, אבער דער איד האט זיך נישט אויפגעפירט מיט קיין דרך ארץ און נישט אפגעגעבן קיין כבוד פאר קיינעם, ער האט נאר געוואלט אז מען זאל אים מכבד זיין אלס יחסן.

ווען דער הייליגער **דברי חיים** האט דאס באמערקט האט דאס אים זייער פארדראסן, און ער האט אים צוגערופן און געפרעגט "דו ווייסט אפשר פארוואס דער טאג ב' סיון ווערט אנגערופן "יום המיוחס?" דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן און ער איז געבליבן שטיל.

האט אים דער הייליגער דברי חיים געזאגט "ווייל פאר מתן תורה זענען די מיוחסים געווען חשוב, אבער נאך שבועות איז אוועקגעגאנגען דאס חשיבות פון די מיוחסים און עס איז אריבער צו די וואס לערנען, און צו די וואס האבן דרך ארץ און גוטע מידות וואס קומט פאר לערנען, אבער יחוס אליין איז שוין נישט גענוג"...

**ויביאו את קרבנם וגו' שש עגלות צב:**

דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** פרעגט פארוואס האט מען געברענגט נאר זעקס וועגענער? יעדער נשיא וואלט דאך געדארפט האבן א עקסטערע וואגן?

נאר דער **אלשי"ך הק'** זאגט אין נאמען פון **רבי שלמה אלקבץ ז"ל** (בעל לכה דודי), דעם טעם פארוואס השי"ת האט געהייסן אז יעדער איד זאל ברענגען א **"מחצית השקל"**, נישט קיין גאנצע שקל. כדי צו ווייזן אז אידן דארפן זיין באחדות, איינער אליינס איז גארנישט, נאר אינאיינעם מיט א אנדערן איד איז ער א גאנצע זאך.

דאס זעלבע האבן די נשיאים דא געוויזן די מדה פון אחדות, אז קיינער האט נישט געהאט קיין עקסטערע וואגן, נאר יעדער איז געווען צוזאמען מיט א צווייטן, ווייל נאר אינאיינעם מיט א צווייטן איז מען א נשיא.

# מוסר הפרשה

## ואיש את קדשיו לו יהיו:

דער הייליגער **באר מים חיים זי"ע** אין זיין ספר **סידורו של שבת** טייטשט דעם פסוק: **ואיש** און יעדער מענטש, **את קדשיו** די אלע הייליגע זאכן וואס ער טוט, די תורה ומצוות, **לו יהיו** דאס בלייבט זיינס אויף אייביג, עס באגלייט אים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. אבער די אלע אנדערע פשוטע זאכן פון די וועלט וואס א מענטש טוט, דאס איז נישט "זיינס", ווייל ער לאזט עס איבער פאר אנדערע.

*

**כף אחת עשרה זהב:** דער הייליגער **רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע** (וואס זיין יארצייט איז אויסגעפאלן די וואך ער"ח סיון) האט געטייטשט: **כף אחת**, אז א איד גיט זיך "איין בייג" צו השי"ת און ער טוט תשובה (כף איז א לשון פון בייגן אזוי ווי עס שטייט "כפה" עליהם ההר כגיגית), **עשרה זהב** ווערט ער "א גאלדענער איד" (עשרה איז 10 דאס איז דער אות יוד).

# די "נשא תורה"

פרשת נשא תשכ"ז האט דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** געזאגט די בארימטע "**נשא תורה**".

וואס באדייט די נשא תורה? און מיט וואס איז די תורה אן אויסנאם, אז זי איז אזוי שטארק בארימט פון צווישן די טויזענטער הייליגע תורות וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט אלע יארן?

כדי די קינדער זאלן דאס וויסן און פארשטיין, וועלן מיר אי"ה די וואך - און במשך די קומענדיגע עטליכע וואכן - לערנען די "**ידיעות**" איבער די **נשא תורה**, וואס דאס איז בכלל זייער וויכטיג צו וויסן פאר קינדער וואס ווערן ערצויגן אינעם רבי'נס הייליגע מוסדות, בפרט אין אונזער היינטיגע שווערע תקופה, ווען די לופט פון ציונות איזליידער זייער שטארק אריינגעכאפט ביי ערליכע אידן איבער די וועלט, וואס האבן נישט געהאט די זכי' צו ווערן ערצויגן ביים רבי'ן זי"ע, און די געשעהענישן וואס קומען פאר אין אר"י האבן שטארקע ענליכקייטן צו יענע תקופה, דארפן מיר וויסן, לערנען און חזר'ן, וואס דער רבי זי"ע, האט פון אונז פארלאנגט אין אזא צייט.

צו וויסן וואס עס איז געווען די נשא תורה, דארפן מיר שילדערן און איבערשמועסן וואס האט זיך אפגעשפילט אין די עטליכע וואכן פאר די "**נשא תורה**" (די פאלגענדע זאצן זענען גענומען געווארן פון די הקדמה לספה"ק עה"ג ועה"ת, מבצר תו"י ח"ב, און מפי השמועה).

דער זומער פון יאר **תשכ"ז** איז געווען א שווערע תקופה אינעם הינזיכט פון די מלחמה לה' בעמלק וואס דער **רבי זי"ע** האט אלע יארן געפירט קעגן די ציונים.

באלד נאך **פסח** איז דער מצב געווארן אנגעצויגן ווען די ציונים האבן טאג טעגליך פארשפרייט אויף די ראדיא און אין די צייטונגען אז די אראבער ווילן אנהייבן קעגן זיי מיט א מלחמה און זיי ווילן אונטערברענגען גאנץ כלל ישראל היל"ת.

לויט די שרעקעדיגע שמועות האבן די **ציונים** אנגעמאכט א שרעקליכן פחד ביי כלל ישראל, און זיי האבן געגעבן אנצוהערן אז לויטן מצב האבן זיי באמת נישט קיין ברירה און זיי וועלן זיין געצווינגען צו ענטפערן קעגן די **אראבער** מיט פייער, און אז אן ערענסטע בלוטיגע מלחמה שטייט אויפן האריזאנט. פון אזא מלחמה האט יעדער געציטערט, און יעדער האט געוואוסט אז אידיש בלוט וועט זיך ח"ו גיסן.

## עטליכע זאצן פון די פלאמפייערדיגע ווערטער וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט ביי די "נשא תורה"!

"ווי איז פארהאנדען א גרעסערע אפיקורסות און מינות אויף דער וועלט צו זאגן אז דער אייבערשטער מאכט נסים פאר די רשעים, ס'איז נישט צום אויסהאלטן אזוינס צו הערן פון א יוד, אוי נא לנו שהגיע לנו כל כך בימינו! ווען אונזערע עלטערן העטן דאס געהערט העטן זיי נישט געקענט זיין אויף דעם עולם, זיי העטן נישט געקענט אזאנס סובל זיין! ווייי איז צו אונז אז מיר האבן זיך דערלעבט אזא טאג בעוונותינו הרבים!"

"קומט אויס אז די אלע צדיקים וואס זיי האבן געהאט מסירות נפש, און זענען געגאנגען קדורנית לפני ה' אלקים, חס ושלום זיי האבן זיך טועה געווען, נאר דער ערשטער רשע, וואס ער האט געזאגט לא יזכר שם ישראל עוד, דער וואס האט דאס געגרינדעט, ער האט געוואלט אויסשמד'ן דעם כלל ישראל, און ער האט אזוי געטוהן, דער האט געזעהן דעם אמת? ווי איז גאר מעגליך אז א מאמין אין הקב"ה זאל דאס קלערן?"

"זיי זענען די וואס האבן שאדן געמאכט די זעקס מיליאן יודן, מ'ווייסט דאך אז רבי מיכאל בער ע"ה האט דאס געהאט שווארץ אויף ווייס, זיי האבן ארויסגעקוקט נאר אויף דעם זיי זאלן האבן א לאנד, זיי זענען שופכי דמים".

"ווי קאן מען גאר זאגן ח"ו אז דער בורא כל עולמים וויל האבן אפיקורסים אויף די וועלט? פאר די האט דער בורא כל עולמים געטוהן נסים? געוואלד און געשריגן! ווי קאן זיין אזא מינות ואפירקורסות, מ'זאל אזוי זאגן?"

"לדעתי! לדעתי! טאר מען נישט גיין צום כותל ביז משיח וועט קומען"...

דער רבי האט באפוילן צו פאררופן א **יום תפלה** אויף א' נשא נאכמיטאג אין בית המדרש (שבועות איז יענעם יאר אויסגעפאלן ד' וה' בהעלתך) דער רבי אליין איז אויך ערשינען אין בית המדרש און האט דארט מיטגעזאגט מיטן עולם גאנץ תהלים. יענע נאכט כ"ו אייר האט אויסגעבראכן די מלחמה אין ארץ ישראל.

אין די אידישע גאס האט ווי פארשטענדליך געהערשט א שטארקע אנגעצויגענקייט קעגן די אראבער, זייענדיג אונטערן איינדרוק פון די ציוני'סטישע פראפעגאנדע אז זיי זענען בלויזע רוצחים וואס האבן זיך צולאזט איבער כלל ישראל און ווילן אויס'הרג'ענען אלע אידן בארצינו הקדושה. דער רבי האט שוין אבער דעמאלטס געלאזט הערן זיין מיינונג קלאר אז ער האלט אז די ציונים זענען גאר די שולדיגע אין די מלחמה ווייל זיי האבן אנגעהויבן זיך צו רייצן מיט די אראבער ווייל זיי האבן געוואלט די מלחמה פאר זייערע אינטערעסן.

דעם רבי'נס נאנטע מענטשן האבן זיך גע'טענה'עט אז ער זאל דאס נישט זאגן, ווייל לויט די ראדיא און די צייטונגען איז דאס געווען א גענצליך אפגעפרעגטע זאך, און אלע וואס זענען באהאווענט אין די וועלטליכע פאליטיק זאגן אז דאס איז נישט אזוי געווען, דער רבי האט זיך אבער געהאלטן ביי דאס זייניגע אז זיין שכל זאגט אים אזוי און ער זעט גארנישט אז דאס זאל קענען זיין אנדערש.

נאך עטליכע טעג איז מיט השגחה פרטיות אנגעקומען צום רבי'ן א בריוו וואס איינער פון די חברי כנסת המינים אין אר"י האט געשריבן פאר די אגודה פירער אין אמעריקע ווי ער דערציילט בסודי סודות אז די **ציונים** זענען געווען די וואס האבן מחליט געווען אנצוהייבן די מלחמה, און נישט די **אראבער**, די ציונים האבן נאר אנגעדרייט די צייטונגען זאלן אזוי זאגן...

פונעם ערשטן מאמענט וואס די מלחמה איז אריין אין קראפט האט זיך אנגעהויבן צו הערן שמועות פון די געוואלדיגע ציוני'סטישע נצחונות וואס זיי טוען אפהאלטן איינס נאכן אנדערן, טאג נאך טאג האבן זיי איינגענומען פרישע פלעצער און דערהרג'עט טויזענטער אראבער, און זייער זיג איז געווען גאר א גרויסער.

דאן האט זיך אנגעהויבן דער גרויסער חורבן, די גאס איז פאר'שיכור'ט פאר התפעלות פון די ציונים, און די אידישע גאס איז אריינגעפאלן אין א שיכרות פון "**נסים**", ווי מען איז נאר געגאנגען און געשטאנען זענען אידן געשטאנען און גערעדט מיט קעלבערנע התפעלות פון די "**נסים ונפלאות**" וואס די ציונים האבן באוויזן, די רעליגיעזע צייטונגען האבן נאך צוגעגעבן אויל צום פייער שרייבנדיג אזעלכע געמיינע דברי מינות וכפירה אז "די נסים פון יציאת מצרים זענען פארטונקלט געווארן קעגן די נסים פון די מלחמה" עפ"ל, און פון אלע שיכטן און קרייזן האט מען געזען ווי אידן טאנצן און שפרינגען מיט שמחה ר"ל.

(אינעם "עולת שבת בשבתו" פון פרשת בהעלתך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין)

## אלא א"כ נכנס בו רוח שטות...

אין די וואכענדיגע סדרה, זאגט רש"י אז "סוטה" איז א לשון פון "שטות" ווי חז"ל זאגן "**אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות**":

מיט יארן צוריק איז געקומען באזוכן אינעם סאטמארער יונגל קעמפ הגה"צ דער ווייצענער רב זצ"ל, דער ווייצענער רב איז געווען א גרויסער בעל דרשן און א בעל מחדש נפלא, און דער מנהל פונעם קעמפ הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל האט אים מכבד געווען מיט א דרשה פאר די קינדער.

דער ווייצענער רב פלעגט קענען רעדן א דרשה אומפארגעקוקט, האט ער אויך דא געהייסן די קינדער זאלן אים פארזאגן א פסוק וואס אויף דעם וועט ער זיך באציען אין זיין דרשה.

א היציגער אינגל האט אויסגעשריגן דעם פסוק (דברים כ"ח ל"ד) "והיית משוגע ממראה עיניך"... ר' יודל ע"ה האט געוואלט אראפלאזן א פאטש פאר דעם מחוצף, אבער דער ווייצענער רב האט נישט געלאזט, "איך האב זיי געגעבן די ברירה" האט ער געזאגט.

דער ווייצענער רב האט תיכף אנגעהויבן צו רעדן "די הייליגע חכמים זאגן עינא וליבא תרי סרסורי דחטאה, דאס הארץ מיט די אויגן זענען צוויי וואס פירן צו דעם מענטש צו זינדיגן, די גמרא אין מסכת סוטה (דף ג' ע"א) זאגט **אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות**, א מענטש טוט נישט קיין עבירה נאר אויב עס איז אין אים אריין א רוח שטות, דאס איז דער פשט אין פסוק והיית משוגע פארוואס וועסטו זיין משוגע, פארוואס וועט זיין אין דיר א רוח שטות וואס וועט דיך מאכן זינדיגן, דאס איז ממראה עיניך, ווייל דו האסט זיך נישט אפגעהיטן די אויגן ווי עס געהער צו זיין דאס איז דער גורם צום רוח שטות וואס מאכט דעם מענטש זינדיגן"...

דער ווייצענער רב האט דאן מאריך געווען מיט ווארעמע דברי מוסר בענין שמירת עינים וואס האט געמאכט אויף זיי א שטארקן רושם.